ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת
## אדמו״ר מנחם מענדל
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

## שופטים
(חלק כט שיחה ב)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת שופטים, ל׳ מנ״א־ו אלול, ה׳תשפ״ה (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# שופטים ב

א. נאָכדעם ווי דער רמב״ם רעכנט אויס בפרטיות אַלע מצות (אין דער הקדמה פון ספרו יד החזקה), איז ער ממשיך: אלה הם תרי״ג מצות שנאמרו לו למשה בסיני הן וכללותיהן ופרטו־תיהן כו׳ ויש מצות אחרות שנתחדשו אחר מ״ת וקבעו אותם נביאים וחכמים ופשטו בכל ישראל כגון מקרא מגילה ונר חנוכה ותענית תשעה באב ועירובין וידים כו׳ כל אלו המצות שנתחדשו חייבים אנו לקבלם ולשמרם שנאמר[1] לא תסור מן הדבר וכו׳.

וצריך ביאור: אַלץ וואָס דער רמב״ם שרייבט איז בתכלית הדיוק, און ווען ער ברענגט בחיבורו כמה ענינים איז ער זיי מסכם[2] ומפרט — ווי מ׳געפינט עס לכל לראש בנוגע כללות חבורו: ער איז זיך ניט מסתפק מיט דעם וואָס ער איז מקדים[3] „וראיתי לחלק חיבור זה הלכות הלכות בכל ענין וענין ואחלק ההלכות לפרקים שבאותו ענין וכל פרק ופרק אחלק אותו להלכות קטנות כדי שיהיו סדורים על פה״, נאָר ער איז זיי מונה וסופר (נאָכן אויסרעכענען די מצות „וראיתי לחלק חיבור זה לארבעה עשר ספרים״, און איז מבאר דעם תוכן פון יעדן ספר ושמו און וויפל הלכות יעדער ספר אַנטהאַלט (ווי בספר המדע: הלכו־תיו חמש וזה סדורן הלכות . . תשובה)[4].

ועד״ז בנוגע למנין המצות: כשם ווי ער איז מדייק צו געבן דעם מספר כללי פון אַלע מצות של תורה (ווי בסוף ההקדמה — לפני מנין המצות) „ומנין מצות התורה הנוהגות לדורות שש מאות ושלש עשרה מצות מהם מצות עשה מאתים וארבעים ושמנה סימן להם כו׳ ומהם מצות ל״ת שלש מאות וששים וחמש כו׳״ און ער איז עס חוזר וכופל בכמה מקומות — אַזוי רעכנט ער אויס[5] בראש כל „הלכה״ דעם מספר כללי פון די מצות און אויך דעם מספר פרטי דעשה ול״ת וואָס די הלכה אַנהאַלט אין זיך. ולדוגמא — הלכות יסודי התורה: „יש בכללן עשר מצות שש מצות עשה וארבע מצות ל״ת (און איז ממשיך) וזהו פרטן כו׳״; און ער איז חוזר ומסכם בסיום פון יעדן פון די י״ד ספרים — דעם מספר כללי ופרטי פון די מצות שבו (ולדוגמא בסו״ס המדע: „נמצאו כל המצות הנכל־לות בספר זה חמש ושבעים שש עשרה מהם מצות עשה ותשע וחמשים מצות לא תעשה״).

ועפכ״ז פאָדערט זיך ביאור — פאַר־וואָס שרייבט דאָ ניט דער רמב״ם (און מען געפינט אויך ניט אַז דער רמב״ם זאָל ערגעץ אין ספרו היד אָנגעבן) דעם

1) פרשתנו יז, יא. וצע״ק שלא הזכיר הרמב״ם כאן גם העשה שבזה — אף שהביאו והדגישו בכ״מ. ראה לקמן בפנים ס״ג.

2) ראה יד מלאכי כללי הרמב״ם אות לד.

3) בסוף הקדמתו לספר היד — לפני מנין המצות. ועד״ז בהקדמתו לספר המצות.

4) ועד״ז כתב בסוף הקדמתו (אחרי שמפרט כל הי״ד ספרים והמצות שבהם): ונמצאו כל ההלכות של ארבעה עשר ספרים אלו שמונים ושלש הלכות.

אבל מ״ש בסוף כמה ספרים — מספר כל הפרקים שבכל הלכה וסכום הכולל שבכל הספר — צ״ע אם הוא מהרמב״ם (ראה לקו״ש חכ״ז ע׳ 231־2 בשוה״ג להערה 26).

5) ולהעיר דכפי הנראה מכמה כת״י ודפוסים וכן מצילום כי״ק דהרמב״ם (נדפס ברמב״ם הוצאת שולזינגער בסופו) חזר וכתב כל ההלכות שבכל ספר — בריש כל ספר; וכל מנין המצות על סדר ההלכות — בריש כל הלכה והלכה.

מספר פון די מצות וועלכע זיינען מדברי סופרים[6]?

ב. אין ספר המצות[7] זאָגט דער רמב״ם (ווען ער פרעגט אויפן דעת הבה״ג וועלכער רעכנט געוויסע מצות דרבנן אין מנין המצות): „אם נמנה כל עשה דרבנן וכל לא תעשה דרבנן יהי׳ זה עולה לאלפים רבים״.

מ׳קען אָבער ניט זאָגן אַז מטעם זה זאָגט ניט דער רמב״ם דעם מספר פון מצות דרבנן, ווייל:

א) אדרבה, וויבאַלד דער מספר איז אַזוי גרויס, איז דאָך נאָכמער נויטיק צו זאָגן זייער מספר, וואָרום דאָס העלפט זיי אַלע צו וויסן און געדענקען[8] (נאָכ־מער: ע״פ דברי הרמב״ם[9] לגבי די תרי״ג מצות, דעם טעם וואָס ער איז זיי מפרט ומונה בכל הלכה והלכה – כדי „להשמר שלא יעדר ממנו דבר שלא אדבר בו ובזכרי כל המצות במספר הייתי בטוח מזה״ – איז שייך און נויטיג אויך (און נאָכמער) לגבי מצות דרבנן).

ב) ועיקר: די שאלה פאַרוואָס ער ציילט זיי ניט איז וועגן די מצות דרבנן בכללותן, ע״ד ווי דער רמב״ם רעכנט זיי דאָ – „כגון מקרא מגילה ונר חנוכה ותענית תשעה באב ועירובין וידים״, און ניט בנוגע זייערע פרטים. ועוד ועיקר – די שאלה איז בנוגע אַ באַזונדער סוג אין ד״ס גופא: די מצות וואָס זיי האָבן מחדש ומתקן געווען – ניט די גזירות וסייגים וואָס זיי האָבן צוגעגעבן און אַריינגעגעבן אין די מצות דאורייתא, אָדער מנהגות וכיו״ב[10];

און דער סוג פון מצות מד״ס איז דאָך במספר מוגבל ומועט. ובכ״מ[11] ווערן גערעכנט ז׳ מצות דרבנן – ותו לא[12].

ג. לכאורה קען מען דאָס מבאר זיין ע״פ דברי הרמב״ם עצמו:

דער רמב״ם זאָגט אַז „כל מה שצוונו חכמים לעשותו וכל מה שהזהירונו ממנו כבר צוה . . לעשותו והוא אמרו[1] על פי התורה אשר יורוך וגו׳ והזהירנו יתברך מעבור דבר מכל מה שתקנו אותו או גזרו, ואמר[1] לא תסור״[13], און ווי ער איז מאריך בזה בריש הלכות ממרים.

6) ע״ד שמנאום בכמה ספרים – ראה לקמן הערה 11, 12, 46.

7) שורש א בסופו.

8) ראה יד מלאכי שם. ובאגרת תחה״מ להרמב״ם קרוב לתחלתו: וכללנו במספר ואמרנו שהם עשרים וארבעה מיראתנו שמא יחסר אחד מן המעתיקים מן המספר אחד ויאמר האומר שלא זכרנו אותו.

9) בהקדמתו לספר המצות.

10) ראה רמב״ם ריש הל׳ ממרים.

11) של״ה שטז, סע״א בשם „קדמונים״. כתר תורה (לר״ד ויטאל) הובא בתורת העולה להרמ״א ח״ג פל״ח. וראה בפרטיות בהנסמן בסה״מ תש״ח ע׳ 165. לקו״ש חכ״א ע׳ 401 ואילך. אמנם הכלל המבואר שם (מספר „מצות השם״) דאין נכנסין במנין אלא אלו שתקנו חז״ל לברך עליהם ושאין להם עיקר מן התורה (ושהן בקום ועשה) – לא יתכן לומר על כל אלו שהרמב״ם מונה כאן, כי „תענית ת״ב״ אין מברכין עליו ואינו בקום ועשה.

ולהעיר דבהל׳ ברכות (פי״א ה״ג – דלקמן בפנים ס״ג) הזכיר בהמצות שהן מד״ס, גם הדלקת נר בשבת. ואכ״מ.

12) ובסמ״ג (ח״ב) בסוף רמזי מ״ע כתב: אחרי כן בארנו חמש מצות מד״ס והם כו׳.

ולהעיר ממ״ש בסוף חלק המ״ע „אחרי שסיימנו מ״ע של תורה נחל לבאר מ״ע שהם מד״ס . . והם חמש מצות״* – אף שלדעתו ישנם עוד, וכמו שממשיך שם „וכבר בארנו מצות נטילת ידים שהיא מד״ס״.

וידוע שבכלל – הסמ״ג הלך בעקבות הרמב״ם (יד מלאכי כללי הרמב״ם כו׳ הסמ״ג אות מו).

13) לשון הרמב״ם בסהמ״צ שורש א. וראה גם

*) וראה לקמן שם שבריש כל מצוה (אחרי מצוה הא׳) מציין מספרה: המצוה השנית; המצוה השלישית כו׳.

**דער רמב״ן[14] איז משיג אויף די דברי הרמב״ם און פרעגט כו״כ קשיות, ובי־ניהן: אויב אויף יעדער מצוה שמד״ס איז דאָ אַ לאו און עשה האָט מען געדאַרפט מחמיר זיין אין אַלע ענינים מדרבנן וויבאַלד אַז זיי זיינען חיובים מן התורה — פאַרוואָס געפינט מען כמה חילוקים בהלכה צווישן אַ מצוה דאורייי־תא און אַ מצוה מד״ס?**

**איינער פון די תירוצים שבזה אין מפרשים[15]: בשעת מ׳איז ניט מקיים אַ מצוה דרבנן אָדער מ׳איז עובר אויף אַן איסור מד״ס איז מען (לדעת הרמב״ם) ניט עובר אויף דער מצוה פון „על פי התורה אשר יורוך״ אָדער אויפן לאו „לא תסור״, נאָר בלויז דאַן ווען מען איז ניט** מקבל די מצוה **אָדער דעם איסור דרבנן, ווען** ער איז ניט מודה אין דברי חכמים.

**דאָס הייסט: די מצוה „על פי התורה אשר יורוך״ און דער לאו פון „לא תסור״ איז ניט דעם עצם** טאָן **אָדער** ניט־טאָן **דאָס וואָס די חכמים האָבן מתקן געווען, נאָר[16] די מצוה איז „**לשמוע **מכל בית דין הגדול שיעמדו להם לישראל״[17] — אַ חיוב צו** פאָלגן **די חכמים.**

**און ווי דער רמב״ם[18] איז מסביר דעם נוסח הברכה „אשר קדשנו במצותיו וצו־נו״ באַ מצות דרבנן: „והיכן צונו בתורה, שכתוב בה[1] אשר יאמרו לך תעשה, נמצא ענין הדברים והצען כך הוא אשר קדשנו במצותיו שציוה בהן** לשמוע **מאלו שצונו להדליק נר של חנוכה או לקרות את המגילה וכן שאר כל המצות שמדב־רי סופרים״.**

**קומט אויס[19], אַז די מצות דרבנן זיינען ניט איינגעטיילט אין** באַזונדערע **מצות, נאָר אַלע מצות זיינען (נכלל אין) איין מצוה — „לשמוע כו״ און „לא תסור״.**

**נאָכמער זאָגן מפרשים[20], אַז כשם ווי איסורי דרבנן זיינען (לכמה דיעות[20*]) ניט איסורי חפצא, נאָר איסורי גברא[21], עד״ז איז עס אויך ביי די מצות מדרבנן, אַז זיי זיינען ניט אין דער חפצא, נאָר זיי זיינען אַ חיוב אויפן גברא.**

**ועפ״ז יש לומר, אַז דערפאַר זאָגט ניט דער רמב״ם אַ מספר מצות דרבנן, ז׳ מצות וכיו״ב, כדי מדגיש זיין דאָס גופא, אַז מצות דרבנן זיינען ניט אויסגע־טיילט יעדערע בפ״ע אַלס אַ באַזונדער מצוה, ס׳איז ניט חל אַ באַזונדער שם „מצוה״[22] אויף יעדער מצוה מדברי**

לשונו בהקדמת היד — הובא בתחילת השיחה. סהמ״צ ומנין המצות שבריש ס׳ היד — מ״ע קעד ומל״ת שיב.

14) בהשגותיו לשרשים שם. וראה גם חינוך מצוה תצו.

15) ראה בהבא לקמן אנציקלופדי׳ תלמודית ערך דברי סופרים ס״ד. וש״נ. שד״ח כללים מערכת אל״ף סי׳ שצט, מערכת למ״ד כלל וא״ו. וש״נ. ובכ״מ.

16) ראה גם צפע״נ על הרמב״ם כאן. ובמכתבי תורה מכתב רכה בתחלתו.

17) ל׳ הרמב״ם במנין המצות שבריש ס׳ היד מ״ע קעד. ובהמצות שבריש הל׳ ממרים כתב „לעשות על פי התורה שאמרו לנו ב״ד הגדול״.

ובסהמ״צ כתב (וכ״ה בחינוך מצוה תצה) ב׳ הענינים: לשמוע . . ולעשות. ואכ״מ.

18) הל׳ ברכות פי״א ה״ג. וראה שם פ״ו ה״ב.

19) ראה צפע״נ שבהערה 16. וביאר עפ״ז הא ד„ירושלמי סוכה פ״ג על הך דסוכה דף מ״ו (ע״א) על מצות זקנים ר״ל דנוסח הברכה כך הוא דלא כרש״י״ (סוכה שם ד״ה מכאן ואילך).

20) ראה אתוון דאורייתא כלל יו״ד.

20*) ראה השקו״ט באתוון דאורייתא שם. בית האוצר מערכת א׳ כלל קכב. ובכ״מ.

21) וצע״ג איך ליישב עפ״ז מש״כ בתניא רפ״ח „ואפילו הוא איסור דרבנן״. ועד״ז בכ״מ. — וראה שיחות אחש״פ (ושלאח״ז) תשל״ו. ועוד.

22) ראה דברי המג״א לסהמ״צ שם בתחלתו.

סופרים, היות אַז די אַלע מצות זיינען נכלל אין איין מצוה — פאָלגן די רבנן און „לא תסור" מדבריהם.

וע"ד ווי דאָס איז, להבדיל, ביים אויספאָלגן (שזהו ציווי השו"ע) הוראות הרופא, וואָס מ'איז זיי מחוייב מקיים זיין מצד דעם ציווי „ונשמרתם מאד לנפשו־תיכם"[23] — טיילט מען ניט פאַנאַנדער יעדער מעשה ופעולה וזהירות אַלס אַ באַזונדער (קיום) מצוה

ויתרה מזו — ע"ד קיום הפרטים פון מצות כיבוד אב ואם[24]. וכיו"ב.

ד. מען קען אָבער אַזוי ניט פאַרענט־פערן, וואָרום

[נוסף על זה אַז עס לייגט זיך ניט צו זאָגן אַז דער רמב"ם זאָל משנה זיין פון דרכו וסדרו בכל הספר כולו (וואָס ער איז סופר ומונה די פרטי הדברים והענינים, און זאָגט אויך זייער סך־הכל), בלויז בכדי צו מרמז זיין ענין הנ"ל (ובפרט אַז דאָס איז אַן ענין עקרי וואָס ער האָט עס געדאַרפט זאָגן בפירוש[25] באיזה מקום בספרו) — איז]

א) די עצם הנחה, אַז ביי די מצות ואיסורים דרבנן איז (לדעת הרמב"ם) די מצוה ניט די מעשה נאָר די שמיעת דברי חכמים, איז צע"ג — וכדמוכח אויך פון דעם וואָס ניט אַלע לערנען אַזוי בדעת הרמב"ם[26] —

דאָס איז כלל ניט בדומה צו הוראות הרופא הנ"ל, וואָס סוף־סוף זיינען זיי כשלעצמן ניט קיין דברי תורה[27], משא"כ די תקנות ומצות דרבנן זיינען (בכללות כל אחת מהן) אַ טייל פון הלכות ודברי תורה; און וויבאַלד אַז זיי זיינען אַ חלק (ועיקר[28]) פון תורה שבע"פ, איז מובן אַז אויך קיומן (ווי קיום מצות מקרא מגילה, עד"מ) איז אויך ע"פ תורה (מדאורייתא) אַ מעשה של מצוה[29], ניט בלויז אַ קיום פון דעם ציווי (הכללי) לשמוע דברי חכמים.

ב) עכ"פ קען מען ניט זאָגן אַז דאָס איז כוונת הרמב"ם דאָ מדגיש זיין אָט דעם ענין אין מצות דרבנן, וואָרום דער רמב"ם איז דאָך ווייטער ממשיך און באַוואָרנט ווי די מצות „אינם תוספת על מצות התורה"

[וז"ל: אם הוסיפו ב"ד כו' דרך תקנה או דרך הוראה כו' אין זו תוספת שהרי לא אמרו שהקב"ה צוה לעשות עירוב או לקרות מגילה כו' ואילו אמרו כן היו מוסיפין על התורה אלא כך אנו אומרים שהנביאים עם ב"ד תקנום וצוו לקרות המגילה בעונתה כדי כו'[30]],

ואת"ל תירוץ הנ"ל איז דאָך דאָס מלכתחילה קיין קשיא ניט: דער רמב"ם

23) ואתחנן ד, טו.

24) ראה קנאת סופרים לסהמ"צ שם שורש א (ט, ב) במה שהשיב על א' מהשגות הרמב"ן.

25) אף שבכלל אין דרכו להביא חידושים בספרו (יד מלאכי כללי הרמב"ם אות ה'), אבל נדו"ז ה"ז הסברה עיקרית.

26) ראה אנציקלופדי' תלמודית שם.

27) ומשתנים מזמן לזמן ואפילו ממקום למקום.

28) ראה לשון הרמב"ם ריש הל' ממרים.

29) ראה דרשות הר"ן דרוש ז. וכן בדרוש ה נוסחא ב (הובא גם באוה"ת שה"ש כרך ב ע' תסג. רד"ה מאי מברך בסה"מ פר"ת; ה'ש"ת). וכ"ה לפי הבנת הרמב"ן בדברי הרמב"ם.

30) ובהל' ממרים (פ"ב ה"ט) מתרץ בנוגע לגזירות ב"ד — ראה ראב"ד ונ"כ הרמב"ם שם, וכאן מתרץ ומבאר בנוגע לתקנות, היינו (בעיקר) מצות עשה מד"ס. ולהעיר מסיום לשונו כאן „ועד"ז היא כל מצוה ומצוה שהיא מדברי סופרים בין עשה בין לא תעשה". כן להעיר דשם מדייק „שלא להוסיף על דברי תורה ולא לגרוע מהן.. בין בתורה שבכתב בין בתורה שבע"פ", ואילו כאן מדייק „ואינם תוספת על מצות התורה"; „לא להוסיפה למצות התורה". ואכ"מ. וראה לקמן הערה 33.

גופא איז דאָך מדגיש (דערמיט וואָס ער זאָגט ניט קיין מספר פון מצות דרבנן) אַז מצות דרבנן זיינען ניט צוטיילט אַלס באַזונדערע מצות, נאָר זיי אַלע זיינען איין כללית'דיקע מצוה דאורייתא, פאָלגן די רבנן און לא תסור מדבריהם, איז דאָך מובן בפשטות אַז עס איז ניטאָ קיין קס"ד אַז ס'איז צוגעקומען עי"ז אַ הוספה אין מספר המצות[31], און ער דאַרף ניט פאַרענטפערן ווי „אינם תוספת על מצות התורה" און ס'איז ניט קיין סתירה צו „לא[32] תוסף עליו"[33].

וע"כ צ"ל, אַז דערפון גופא וואָס דער רמב"ם דאַרף דאָ גלייך באַוואָרענען אַז „אינם תוספת על מצות התורה", איז מוכח אַז, אדרבה: תוכן דבריו דאָ וועגן מצות דרבנן איז אַז זיי זיינען (ניט אַ קיום פון איין מצות התורה — שמיעת דברי חכמים, נאָר פאַרקערט) נאָך מצות (בדומה צו מצות התורה), וואָס יעדער מצוה איז מען מחוייב מקיים זיין — חיוב ע"פ תורה.

וכדמוכח אויך פון דיוק לשונו „אלה הם תרי"ג מצות . . ויש מצות אחרות שנתחדשו אחר מ"ת . . ויש לכל מצוה ומצוה מאלו פירושין ודקדוקין . . כל אלו המצות שנתחדשו חייבים אנו לקבלם ולשמרם כו'", ד.ה. זיי זיינען אַנדערע באַזונדערע מצות[34] (ניט קיין פרטים הכלולים אין דער מצות התורה לא תסור) וועלכע זיינען אין דעם זעלבן סוג וגדר פון די פריערדיקע תרי"ג מצות התורה, נאָר זיי זיינען „נתחדשו אחר מ"ת כו'". און דעריבער פאָדערט זיך גלייך צו באַוואָרענען, אַז אעפ"כ „אינם תוספת על מצות התורה".

והדרא קושיא לדוכתא: פאַרוואָס זאָגט ניט דער רמב"ם דעם מספר פון די „מצות אחרות שנתחדשו"[35]?

ה. ויש לומר הביאור בזה:

אין דעם וואָס דער רמב"ם איז מדייק וחוזר ומונה דאָ דעם מספר מצות דאו־רייתא

[סיי בתחילת דבריו „אלה הם תרי"ג מצות כו'", און אַזוי אויך בהמשך דבריו וואו ער איז מסביר (כנ"ל) ווי מצות דרבנן „אינם תוספת על מצות התורה ועל מה הזהירה תורה לא תוסף עליו

31) ועיין אגה"ק סכ"ט (קנ, סע"א): והנה ז' מצות דרבנן אינן נחשבות מצות בפני עצמן שהרי כבר נאמר לא תוסף אלא הן יוצאות ונמשכות ממצות התורה וכלולות בהן במספר תרי"ג.

32) ראה יג, א.

33) להעיר מהשגת הראב"ד הל' ממרים שם לגבי סייגים וגזירות — וראה רדב"ז שם. מנ"ח מצוה תנד בתחלתה (נב, רע"א). ועיין בהמשך הדברים במנ"ח שם „כמה מצות שהוסיפו חז"ל כגון נר חנוכה ונט"י וכדומה שהם דברים חדשים ולא הוסיפו במצות התורה נראה דודאי לא שייך ב"ת כי התורה נתנה רשות לחכמים לתקן תקנות הן בקום ועשה כו' ולא ראיתי בדברי הראשונים שיהי' זה בכלל זה ויתרצו הדברים כי הלאו הזה אינו אלא כו'". וצע"ג שכנראה נעלם ממנו לפי שעה — דברי הרמב"ם כאן בסוף מנין המצות!

34) ועפ"ז יומתק זה שהרמב"ם כאן מקדים מקרא מגילה ונר חנוכה ל„עירובין וידים", אף שעירובין וידים הם מתקנות שלמה וב"ד (עירובין כא, א. רמב"ם הל' עירובין פ"א ה"ב ואילך. הל' אבות הטומאות פ"ח ה"ח) — לפני תיקון מקרא מגילה כו'

— כי במגילה וחנוכה מודגש יותר דהוי „מצות בפני עצמן" — ראה חדא"ג מהרש"א מגילה יד, א ד"ה חוץ.

35) וכמ"ש ב„מנין המצות על סדר הרמב"ם" בסוף ספר זמנים „נמצאו כל המצות של תורה הנכללות בספר זה חמש ושלשים י"ט מהם . . ויש בו ג' מצות מדברי סופרים", והיינו הל' עירובין (דכ' שם בתחלת ההלכות „מצות עשה אחת והיא מד"ס ואינה מן המנין") והל' מגילה וחנוכה (דכ' בריש ההלכות „יש בכללן ב' מצות עשה מדברי סופרים ואינם מן המנין").

ולא תגרע ממנו שלא יהא נביא רשאי לחדש דבר ולומר שהקב״ה צוהו במצוה זו להוסיפה למצות התורה או לחסר אחת מאלו השש מאות ושלשה עשרה מצות״],

און זאָגט ניט קיין מספר אין די מצות מד״ס — אין דעם גופא דריקט זיך אויס דער חילוק צווישן מצות של תורה און מצות דרבנן:

די מצות דאורייתא זיינען במנין ומספר מסויים וקבוע — מ׳איז אָנגעזאָגט געוואָרן „לא תוסף עליו ולא תגרע ממנו״ ובלשון הרמב״ם[36] „דבר ברור ומפורש בתורה שהיא מצוה עומדת לעולם ולעולמי עולמים אין לה לא שינוי ולא גרעון ולא תוספת שנאמר[37] את כל הדבר אשר אנכי מצוה אתכם אותו תשמרון לעשות לא תוסף עליו ולא תגרע ממנו״.

משא״כ מצות דרבנן זיינען, כלשון הרמב״ם „מצות שנתחדשו״, וואָס די רבנן בכח התורה זיינען מחדש „כדי לחזק הדת ולתקן העולם״ (ווי דער רמב״ם זאָגט אין הלכות ממרים[38]).

ד.ה. זיי זיינען — דער היפך פון אַ באַשטימטער צאָל. במילא קען דער רמב״ם ניט זאָגן קיין מספר אויף די מצות דרבנן, קביעות מספר איז שייך נאָר ביי די מצות דאורייתא, ניט ביי מצות דרבנן.

ו. נאָכמער: וויבאַלד עס ליגט אויף די חכמים אַ חיוב לעשות סייג לתורה (בלשון הרמב״ם[39]) „לפי מה שהשעה צריכה״ — קען דאָך זיין אַז עס זאָל קומען אַ „שעה״ ווען עס פאָדערט זיך צו מוסיף זיין נאָך גזירות תקנות ומנהגות, מצות דרבנן — און דעמאָלט ליגט אויף די **חכמים** אַ חיוב צו מוסיף זיין און אַ חיוב על בנ״י לקיימן — די הוספות — מצד „לא תסור״ און „לשמוע״.

און אע״פ אַז לפועל קען איצט ניט צוקומען קיין נייע מצות דרבנן, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין ב״ד הגדול וואָס האָט דעם כח צו מוסיף זיין תקנות כו׳ — איז שתי תשובות בדבר:

ערשטנס, דאָס בייט ניט דעם גדר פון מצות דרבנן, וויבאַלד אַז ע״פ הלכה איז דאָ אַן אפשריות מוסיף זיין אויף די מצות אויב ס׳זאָל אויפשטיין אַ ב״ד הגדול, ובפרט לעת״ל, ווען „ואשיבה שופטיך כבראשונה״[40] —

וע״ד ומעין דעם ביאור הרמב״ם (אין ספר המצות שלו[41]) אין דעם טעם פאַרוואָס ער רעכנט צווישן די מצות אויך די מצוה פון השמדת ז׳ אומות — אע״פ אַז דאָס איז ניט אַ מצוה וועלכע איז נוהגת לדורות (וואָס אַזעלכע מצות רעכנט ניט דער רמב״ם במנין המצות) — וז״ל[42]: „הענין שנסתיים בהשגת מטרתו בלי שיהא אותו הדבר תלוי בזמן מסויים אין אומרים בו אינו נוהג לדורות, לפי שהוא נוהג בכל דור שבו נמצאת אפשרות אותו הדבר . . כללו של דבר אתה צריך להבין ולהתבונן בהבדל בין המצוה ובין הדבר אשר נצטוה עליו כי יש שתהא נוהגת לדורות אלא שהדבר שנצטוה עליו כבר נעדר בדור מן הדורות כו׳״:

36) הל׳ יסוה״ת רפ״ט (וראה שם בהמשך ההלכה). וראה הל׳ מעשה הקרבנות ספ״ב. הל׳ מלכים פי״א סה״ג.

37) פ׳ ראה שם (ושם: תשמרו).

38) פ״א ה״ב.

39) הל׳ ממרים שם.

40) ישעי׳ א, כו.

41) מ״ע קפז.

42) בהעתק קאפח. ולפנינו — בשינוי לשון.

ועד"ז בנדו"ד: אע"פ אַז בפועל (איצט) איז ניטאָ די מציאות פון אַזאַ ב"ד וואָס קען מחדש זיין אַ מצוה, איז אָבער דאָ די הלכה ומצוה שבזה, אַ ב"ד וואָס קען מחדש ומוסיף זיין מצות דרבנן בזה"ז.

והשנית קרוב לומר אַז לדעת הרמב"ם קענען בפועל נתחדש ווערן תקנות (אין גדר פון מצות דרבנן) אויך ווען ס'איז ניטאָ קיין ב"ד הגדול, והוא ע"פ דברי הרמב"ם בהקדמתו לספר היד: „כל הדברים שבגמרא הבבלי חייבין כל ישראל ללכת בהם וכופין כל עיר ועיר וכל מדינה ומדינה לנהוג בכל המנהגות שנהגו חכמי הגמרא ולגזור גזירותם וללכת בתקנותם (אע"פ אַז דער „בית דין הגדול של שבעים ואחד בטל מכמה שנים קודם חיבור הגמרא") הואיל וכל אותם הדברים שבגמרא הסכימו עליהם כל ישראל ואותם החכמים שהתקינו או שגזרו או שהנהיגו או שדנו דין ולמדו שהמשפט כך הוא, הם כל חכמי ישראל או רובם כו'". ומזה, אַז אַ תקנה ומנהג וואָס „הסכימו עליהם כל ישראל" האָבן בכל הזמנים דעם תוקף פון אַ מצוה דרבנן.

ובפרט לפי דעת הרמב"ם, אַז עס קען זיין ווען „הסכימו כל החכמים שבארץ ישראל למנות דיינים ולסמוך אותם"[43], עס זאָל ווערן אַ ב"ד של דיינים סמוכים[44] מיטן תוקף פון ב"ד הגדול (און דער חיוב „לשמוע מכל ב"ד הגדול"[17] איז ניט פאַרבונדן כלל מיט דעם וואָס דער ב"ד געפינט זיך בלשכת הגזית[45]).

ז. אע"פ אַז בכמה ספרים ווערן די מצות דרבנן גערעכנט מיט אַ מספר קבוע — ז' מצות דרבנן[46] — און דער מספר ז' איז בדיוק ובדוקא,

וכידוע אַז די ז' מצות דרבנן ביחד מיט די תרי"ג מצות דאורייתא איז דער מספר מדוייק תר"ך, כתר תורה[47] [ומהאי טעמא געפינט מען אַז די „עשרת[48] הדברות (וואָס) כוללים כל התורה כולה (איז אין זיי דאָ) תר"ך אותיות, תרי"ג אותיות בכל אות נרשם[49] מצוה אחת מתרי"ג מצות וז' אותיות היתרות הם[50] ז' מצות דרבנן כמ"ש הקדמונים"] —

43) רמב"ם הל' סנה' פ"ד הי"א. וראה פיה"מ סנה' פ"א. בכורות פ"ד מ"ג.

44) ראה קונטרס הסמיכה למהר"י בירב (שבשו"ת מהרלב"ח). תו"ש סוף כרך ט"ו.

45) כ"מ מלשונו „מכל ב"ד הגדול". וכדאי' בירוש' סנה' פי"א ה"ג „ובאת לרבות ב"ד שביבנה". ועד"ז בספרי פרשתנו יז, ט (כפי' ר"ה שם). וראה צפע"נ לירוש' שם.

אבל ברמב"ן בהשגות לסהמ"צ מ"ע קנג, שדין ב"ד הגדול הוא בלשכת הגזית דוקא (וראה לב שמח שם). וראה בארוכה מרגניתא טבא לסהמ"צ שרשים שם (אות ה'). מנ"ח מצוה תצו. ועוד.

46) בכמה דפוסי החינוך (אשר במנין המצות הולך בעקבות הרמב"ם*), אחרי שמפרט (בתחלת הספר) כל התרי"ג מצות, כותב**: ואלו ז' מצות דרבנן כו'. אלא שבכמה דפוסים (עם מנ"ח) ליתא, וכן ליתא בדפוסים הראשונים דהחינוך (ראה בהוצאת שעוועל).

47) כ"ה גם ב„חינוך" שבהערה הקודמת.

48) לשון השל"ה (וראה גם ספר תורת העולה) שבהערה 11. וראה הערות הבאות.

49) וראה ספר כתר תורה (שבהערה 11) — שמפרט כל התרי"ג מצות (וז' מצות דרבנן) בכל אות מעשה"ד.

50) ראה הערה הקודמת.

בבעה"ט יתרו כ, יד (וכן בס' זהר הרקיע (להרשב"ץ) בהקדמה קרוב לתחלתה ובעוד ספרים) נמצא ג"כ ענין הנ"ל — שבעשה"ד יש

*) ראה חינוך בסוף הקדמתו. שם (בפנים הספר) סוף מצוה תקעג. ועוד.

**) הובא גם בספר „מצות השם" בהקדמתו, וכן בסוף ז' מצות דרבנן שמונה. ושם: כפי שמצאתי בספר החינוך הנדפס אצל החומש (אלא שאינו כפי הסדר שבחינוך שם).

איז דאָס כלל קיין סתירה ניט להנ"ל. ווייל אין די ספרים רעדט זיך ווי דאָס איז בפועל (כולל גם לעת"ל?) וואָס מלמע' איז אויסגעשטעלט אַז עס וועלן בפועל ניט זיין מער ווי שבע מצות דרבנן (דער ב"ד וועלכער קען מחדש ומוסיף זיין – וועט מצות[51] ניט מחדש זיין בפועל[52]) און צוזאַמען מיט די מצות דאורייתא זיינען זיי תר"ך מצות – כתר.

אָבער מצד דעם גדר פון מצות דרבנן ע"פ הלכה – קענען צוקומען נאָך מצות[53] (און (אויך) אויף זיי איז חל דער ציווי „ע"פ התורה אשר יורוך" און „לא תסור").

בסגנון אחר קצת: דאָס וואָס „כלפי שמיא גליא" אַז בפועל וועלן זיין נאָר שבע מצות דרבנן, איז ניט משנה כלל דאָס וואָס ע"פ הלכה קענען צוקומען נאָך מצות דרבנן. ויתרה מזה: וויבאַלד אַז „רשות לכל אדם נתונה" – טאָן היפך התורה, קען ווערן אַז דער ב"ד דאַרף ומחוייב מתקן זיין ולהוסיף מצות לצורך השעה און מ'איז מחוייב לקיימן במ"ע ול"ת.

וי"ל דוגמא ועד"ז ווי דער רמב"ם איז מבאר[54] לגבי דער ידיעה שלמעלה, אַז דאָס וואָס „הקב"ה יודע כל מה שיהי'", איז ניט מכריח די בחירת האדם, און „מעשה האדם ביד האדם כו'"[55], „רשות לכל אדם נתונה אם רצה להטות עצמו לצד טובה ולהיות צדיק הרשות בידו"[56]; ועד"ז להיפך. און ווי דער רמב"ם איז מבאר בארוכה[54].

ח. ע"פ הנ"ל – אַז דאָס וואָס דער רמב"ם רעכנט ניט דעם מספר פון די מצות דרבנן איז מצד דעם וואָס ע"פ הלכה האָבן זיי ניט קיין „מנין" והגבלה (און דער העדר המדידה והגבלה – איז ע"פ הלכת תורת אמת) –

יש לומר, אַז דאָס איז מתאים דערמיט וואָס איז מבואר (אין ספרים פון גדולי ישראל) אַז דער מספר מדויק פון שבע מצות דרבנן איז משלים דעם מספר תר"ך – כתר.

ע"ד ווי מ'געפינט בנוגע הלכות שבתורה די צוויי ענינים: הלכות שבתורה ווערן אָנגערופן[57] „תגא", „כתרה של תורה"; און זיי האָבן ניט קיין מספר, ווי עס שטייט „ועלמות[58] אין מספר[59] אל תקרי עלמות אלא עולמות אלו הלכות דלית לון חושבנא"[60].

און הא בהא תליא: מצד דעם וואָס הלכות שבתורה זיינען פאַרבונדן מיט „כתר" זיינען זיי בלי מספר. בדוגמא ווי אַ כתר גשמי וואָס איז למעלה מן הראש און איז מקיף דעם ראש וואָס דאָס ווייזט אַז עס איז העכער פון דעם מענטשן –

---

תר"ך אותיות ושהוא „כתר תורה". אלא דשם, שז' אותי' היתירות הן כנגד ז' מצות ב"נ (וראה זהה"ר שם, דז' מצות ב"נ מרומזים בהאותיות ד(סוף עשה"ד) „אשר לרעך"). וראה בית האוצר (להר"י ענגל) ח"א ה, ב ואילך. ואכ"מ.

51) משא"כ גזירות וסייגים וכו'.

52) ועד"ז שכל הסנהדראות כולם – לא חידשו אלא שבע מצות!

53) ואולי גם ע"ז קאי מש"נ ועלמות אין מספר, ראה לקמן בפנים.

54) בהל' תשובה ספ"ה.

55) ל' הרמב"ם שם.

56) ל' הרמב"ם שם רפ"ה.

57) מגילה כח, ב. נתבאר באגה"ק סכ"ט (קנ, ב ואילך).

58) ל' אדה"ז באגה"ק שם (קנא, א).

59) שה"ש ו, ח.

60) ראה תקו"ז בהקדמה (יד, ריש ע"ב). תכ"א (מג, ב). זח"ג רטז, סע"א. ובשהש"ר שם, ט (ב) – הובא בלקו"ת שה"ש מ, ב: ועלמות אין מספר אין קץ לתוספת.

און צוזאַמען דערמיט איז אַ כתר אמתי דאַרף זיין „הולם" דעם ראש[61] עד"ז איז „כתר עליון" העכער פון מדידה והגבלה, און צוזאַמען דערמיט איז ער כתר דעשי', דיצירה וכו' — און דערפאַר זיינען הלכות, וואָס זיינען „כתרה של תורה", אָן אַ חשבון[62].

ועד"ז (בסגנון אחר קצת) בנוגע די מצות מד"ס[63], וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט תורה שבע"פ „מער" ווי סתם הלכות: הלכות זיינען מבאר ומפרש תושב"כ[64], אָבער מצות מד"ס זיינען „מצות אחרות שנתחדשו"[65] — זייענדיק פאַרבונדן מיט דער מדריגה פון כתר, זיינען זיי ביידע בלי מנין והגבלה.

והגם אַז בנוגע זייער קיום בפועל אין וועלט, און מנינם מצד „וועלט" שבתורה — איז פאַראַן אַ הגבלה במצות אלו (ז' מצות דרבנן) — ווי זיי שטייען אָבער אין הלכות התורה (ובמילא — בס' הרמב"ם שהוא — הלכות הלכות) קומט צו אַ חידוש גדול — בלשון הרמב"ם עצמו כנ"ל (רס"ב) — אַז זיי זיינען „עולה" און „לאלפים רבים" בפועל[66], למעלה ממדידה והגבלה — בערך המספר דשבע[67].

און דורך דעם לימוד ההלכות בכלל וואָס ווערן אָנגערופן „תגא וכתרה של תורה", איז — „כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עוה"ב"[68].

(משיחות אחש"פ
והתועדויות שלאח"ז — תשמ"ה)

61) שה"ז סימנו של מלך בית דוד (ע"ז מד, סע"א) מלך בשלימות (ראה רמב"ם הל' מלכים פ"א ה"ז ואילך).

62) באגה"ק שם: וז"ש אשת חיל עטרת בעלה כי התורה שבע"פ . . מעמדת חיילות הרבה כמ"ש ועלמות כו' (כנ"ל). והיינו שהוא מצד מעלת הבינה (וראה גם ד"ה מצה זו תר"מ פל"ז. ובכ"מ). אבל זהו בענין הגילוי בפועל, אבל בשרשו — ה"ז גילוי הכתר, רצון העליון, וכמו שממשיך שם: וכולן הן בחי' רצון העליון ב"ה למע' מעלה ממעלת חכמה כו'.

וראה המשך תרס"ו ע' שצב במעלת תושבע"פ ד„ביגיעתם ועמלם כו' (דהחכמים) ה"ה ממשיכים אור חדש . . וממילא כל הענינים באים בבחי' התחדשות ממש . . וזהו ג"כ מה שבתורה שבע"פ מתחדשים ריבוי דינים מאד ותלי תלים של הלכות וכמא' ועלמות אין מספר אלו הלכות כו' שזהו ג"כ לפי שממשיכים בחי' אור חדש מהעלם העצמית כו'".

63) במעלת דברי סופרים (מה שחביבין מדברי תורה — שהש"ר עה"פ א, ב) — ראה גם תו"א נב, ד. לקו"ת פקודי ו, ד. המשך מצה זו הנ"ל פמ"א. ובכ"מ.

64) ראה אגה"ק שם.

65) ראה המשך תרס"ו שבהערה 62.

66) ומובן גם ממקומות שבהערה 63, שמצות שמד"ס הן מבחי' אור שלמעלה מ(הגבלת ה)כלים, בדוגמת מצות ל"ת. וראה גם דרך חיים שער התפלה פס"ד (עא, א ואילך). סה"מ תר"ס ע' קנה ואילך.

67) ע"ד התואר ע"פ הלכה ובנוגע לפועל: „מים שאין להם סוף" (יבמות קכא, א. רמב"ם הל' גירושין פי"ג הט"ז וה"כ) — אע"פ „שיודעין לשער כמה טפות יש בים" (הוריות י, סע"א).

68) מגילה שם בסוף הע' (וש"נ) — הובא באגה"ק שם.

וראה רמב"ם (הל' תשובה ספ"ח): זה שקראו אותו חכמים עוה"ב לא מפני שאינו מצוי עתה . . אין הדבר כן, אלא הרי הוא מצוי ועומד . . ולא קראוהו עולם הבא אלא מפני.. (ש)באין לו לאדם אחר חיי העולם הזה.